בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויחי תשפ"א | שבת חזק | גליון 582 [שנה י"ג]

**פארוואס דארף שטיין "אָנֹכִי"?**

וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת וַיֹּאמַר אָנֹכִי אֶעְשֶׂה כִדְבָרֶךָ: (מז ל) פארוואס שטייט "אָנֹכִי" עס וואלט נאר געקענט שטיין אֶעְשֶׂה כִדְבָרֶךָ? נאר רש"י זאגט חֶסֶד וֶאֱמֶת. חֶסֶד שֶׁעוֹשִׂין עִם הַמֵּתִים הוּא חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת, שֶׁאֵינוֹ מְצַפֶּה לְתַשְׁלוּם גְּמוּל, א חסד וואס מען טוט פאר א מת זוכט מען נישט מען זאל צוריק באצאלט ווערן פון מת, עס שטייט אין גמ' (מו"ק דף כח ע"ב) דער וואס באגראבט א מת וועט זוכה זיין מען וועט אים אויך באגראבן און דער וואס קלאגט און איז מספיד א מת וועט מען אים אויך באקלאגן און מספיד זיין, זעהט מען אז מען מעג יא ווארטן פון אנדערן זאלן צוריק באצאלן א אפצאל, אבער נישט ערוווארטן פון דעם מת. יעצט יוסף האט געוואוסט אז מען וועט אים אויך דארפן ברענגען צו א"י צו קבורה, און ער וואלט געמעגט דאס בעטן אזוי ווי עס שטייט אין די גמ'. אבער יעקב האט געוואלט אז יוסף זאל טאן די מצוה בשלימות און וועלן קיין שום אפצאל פאר דעם, און דאס האט יעקב געזאגט: וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת מיט א שלימות! האט יוסף געענטפערט "אָנֹכִי" הגם איך וועל דאס אויך דארפן דעם טובה, אבער אֶעְשֶׂה כִדְבָרֶךָ, איך טו דאס בשלימות, נאר ווייל דו הייסט מיר, **בלתי לה' לבדו.** (ייטב לב סיגוט) מיט דעם איז גוט די המשך הפסוק, ווייל אלע פרעגן פארוואס האט יעקב אים נישט געגלויבט אן א שבועה? נאר עס שטייט אין גמ' (נדרים דף ח ע"א) **מנין שנשבעין לקיים את המצוה, שנאמר** (תהלים קיט קו) נִשְׁבַּעְתִּי וָאֲקַיֵּמָה לִשְׁמֹר מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ. **הא קמ"ל: דשרי ליה לאיניש לזרוזי נפשיה.** א מענטש מעג מאכן א שבועה כדי עס זאל אים שטופן צו טאן די מצוה, ממילא יעקב האט געוואלט אז יוסף זאל מקיים זיין די באפעל בשלימות אן קיין שום נגיעה פון אפצאל, און אויף דעם האט יעקב געוואלט א שבועה. (שמח זבולון תשפ"א)

**פארוואס שטייט "הנה"?**

וַיַּגֵּד לְיַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה: (מ"ח ב) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט "הִנֵּה" בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ ווען עס וואלט נאר געקענט שטיין וַיֹּאמֶר בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ? נאר עס שטייט אין גמ' (נדרים ל"ט) **המבקר חולה נוטל א' מששים מחליו והני מילי בבן גילו**, אויב מען איז מבקר א חולה נעמט מען צו פון אים א זעכטעסטל פון זיין קרענק, זאגט די גמ' דאס איז נאר בבן גילו און דער ר"ן און דער רא"ש טייטשן ווען מען איז דער זעלבע מזל ווי דער חולה, און יוסף איז געווען דער בן גילו פון יעקב אזוי ווי עס שטייט כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ (לז ג) און רש"י שרייבט **כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף**, מיינט ער איז געווען זיין מזל, יעצט דער ווארט הִנֵּה, איז בגימ' זעכציג, און הַמִּטָּה איז בגימ' ניין און פופציג, דאס מיינט הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ, וואס איז דיין בן גילו, און איז געקומען מבקר חולה זיין און ער וועט נעמען פון דיין הִנֵּה זעכציג, און דאס מאכן נ"ט דעריבער וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה, מיינט די קרענק איז אראפ. (לקוטי ש"ס מהאריז"ל מס' ברכות, וספר הר סיני מובא בקובץ התורני הכוכב תשי"א))

**האט יעקב געקענט זעהן יעצט?**

וְעֵינֵי יִשְׂרָאֵל כָּבְדוּ מִזֹּקֶן לֹא יוּכַל לִרְאוֹת: (מ"ח י') עס איז דא עטליכע פליאות אין דעם פסוק, ווייל אויב עס מיינט אז יעקב האט שוין נישט געקענט זעהן די בני יוסף, איז דאס א סתירה צו דעם פריערדיגן פסוק ח וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת־בְּנֵי יוֹסֵף וַיֹּאמֶר מִי אֵלֶּה, און צו דער קומענדיגן פסוק יא רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹקִים גַּם אֶת זַרְעֶךָ? אויך איז שווער וואס איז פשט לֹא "יוּכַל" לִרְאוֹת, וואס דאס מיינט א לשון עתיד, ווען עס וואלט געדארפט שטייט לֹא "יָכוֹל" לִרְאוֹת? אויך איז דא א דיוק פארוואס שטייט נישט אזוי ווי ביי יצחק (כז א) וַיְהִי כִּי זָקֵן יִצְחָק "וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת", און עס שטייט כָּבְדוּ מִזֹּקֶן? על כרחך מוז מען זאגן אז יעקב האט באמת נאך געקענט זעהן, אבער ער האט יעדע מינוט געציטערט אז ער וועט אויפהערן צו זעהן אזוי ווי זיין טאטע [ואולי קען מען זאגן אז ביי יצחק איז ער געווארן בלינד פאר געבן די ברכות און דא האט יעקב געדארפט געבן די ברכות פאר זיינע קינדער און אייניקלאך, דעריבער האט ער מורא געהאט אז ער גייט ווערן בלינד באלד, שמח זבולון תשפ"א] דעריבער איז גוט וְעֵינֵי יִשְׂרָאֵל כָּבְדוּ מִזֹּקֶן, ער האט געהאט א שווערע הארץ אז לֹא יוּכַל לִרְאוֹת, ער וועט באלד נישט קענען זעהן, דעריבער שטייט נישט לֹא "יָכוֹל" לִרְאוֹת, ווייל ער האט נאך געקענט זעהן, און די ראי' איז פון וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת בְּנֵי יוֹסֵף און וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹקִים גַּם אֶת זַרְעֶךָ. (מלאכת מחשבת מהגאון ר' משה חפץ ווינצי' ת"ע)

**וואס מיינט "בחרבי"?**

וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אַחַד עַל אַחֶיךָ אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וגו': (מ"ח כ"ג) רש"י ברענגט איין פשט אז שְׁכֶם אַחַד מיינט די בכורה. אויב אזוי וואס מיינט בְּחַרְבִּי, ווי אזוי האט ער גענומען די בכורה מיט א שווערד? נאר עס שטייט אין מדרש אז אברהם האט געהאט א שווערד וואס אויף דעם איז געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש און מיט דעם האט ער מנצח געווען די מלכים און דאס געגעבן צו יצחק און ער האט דאס געגעבן צו יעקב, און ווען עשו האט געוואלט מלחמה האלטן מיט נמרוד, האט ער שטארק געוואלט נוצן דעם שווערד און יעקב האט נאר מסכים געווען אויב ער פארקויפט אים די בכורה און עשו האט מסכים געווען, דאס מיינט מִיַּד הָאֱמֹרִי זה עשו, בְּחַרְבִּי מיט די שווערד פון אברהם. (פנינים יקרים בשם כמה ספרים)

## מדור העובדות

***** ער האט געהאלפן א גוי און דאס האט אים געראטעוועט זיין לעבן יארן שפעטער *****

ר' נח איז געווען א חסידישער איד וואס האט געהאט א פאבריק אין רוסלאנד פון בראנפן און האט זייער מצליח געווען און געווען א עושר, די רעגירונג האט איינגעפירט אז זיי האבן געלייגט א זייגער ביים קראן פון די פעסער און אזוי האבן זיי געוואוסט וויפיל בראנפן מען האט פארקויפט און מען האט געדארפט באצאלן שטייערן לויט דעם, ר' נח איז געווען זייער עהרליך און האט נישט געמאכט קיין חכמות און באצאלט פונקלאך פאר די רעגירונג, די רעגירונג'ס מענטשן האבן דאס געוואוסט און זיך פארלאזט אויף די ישרות פון ר' נח און דעריבער פלעגן זיי נישט נאכקוקן זיינע פעסער. ער האט געהאט א ארבעטארער א גוי וואס האט געוואוסט אז די רעגירונג קומט נישט נאכקוקן די פעסער, האט ער געמאכט א קליין לאך אין די פעסער און אזוי צוביסלאך

האט ער איינגעזאמלט אסאך בראנפן און דאס פארקויפט אויפן שווארצן מארק און שיין פארדינט, א אנדערע גוייאשע ארבעטארער האט זיך דערוואוסט פון דעם פלאן און געסטראשעט אז ער וועט גיין דערציילן ר' נח וואס ער טוט, און כדי אים צו פארשווייגן האט ער אים צוגעזאגט אז ער וועט זיך צוטיילן מיט די ריווחים און יענער גוי איז געווארן שטיל, אבער א צייט שפעטער האבן זיך די גויים אריין אין א שלאגעריי און דער צווייטער גוי איז געגאנגען מסר'ן פאר די רעגירונג וואס דער גוי האט געטאן. די פאליציי זענען גלייך געקומען און געטראפן ווי דער גוי נעמט ארויס בראנפן פון א פאס אבער יענער גוי האט זיך רוהיג פאטיידיגט אז ר' נח האט אים געהייסן דאס טאן און אז ער האט געגעבן די בראנפן פאר ר' נח וואס האט פארדינט די געלט און נישט ער! די פאליציי ווי געווענטלאך האבן אנגענומען די רייד פון דעם גוי און מען האט געגומען ר' נח אין בית משפט און מען האט פארגעלייגט די טענה פארן שופט און דער שופט האט געהייסן מען זאל איינזעצן ר' נח ביזן משפט.

דערווייל האבן די עסקנים זיך אריינגעמישט אין דעם ענין און די הויכע פענסטער'ס אין דער רעגירונג האבן געוואוסט אז ר' נח איז א עהרליכער מענטש און האבן געזאגט אז מען קען אים ארויסלאזן אויף ערבות ביזן משפט, און דער שופט איז איינגעגאנגען אויף דעם און מען האט ארויסגעלאזט ר' נח ביזן משפט. ר' נח איז צוגעפארן קיין ליובאוויטש צו דער רבין מהר"ש -הרה"ק ר' שמואל זון פון היילגן צמח צדק זיע"א- און געבעטן א ברכה. ער האט דעציילט פארן רבין אלעם וואס איז פארגעגאנגען און געזאגט אז אויב ער דערלייגט דעם משפט וועט מען אים שיקן קיין סיביר און מען וועט צונעמען זיין גאנצע פארמעגן רח"ל. און ר' נח גיט א קרעכץ "מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי"? דער רבי הערט אים אוים און טראכט אביסל און זאגט איך גיב דיר א עצה, ווען א איד וועט קומען צו דיר און זאגן מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי, זאלסטו דערפילן זיין "אַיִן", וואס ער האט נישט, און דער אויבערשטער וועט דיר דערפילן דיין "אַיִן", וואס דו דארפסט! און דער רבי ווינשט אים הצלחה ער זאל ארויסגיין זכאי ביים משפט. ר' נח איז געווען א מאמין און איז אהיים א רוהיגער.

ר' נח איז אהיימגעקומען און אלע ווינטשן אים אן מיט הצלחה, ווען איינער האט געפרעגט ר' נח צו ער האט שוין געהערט וואס איז געשען מיט ר' חיים? "ניין" האט ר' נח געענטפערט. האט ער אים דערציילט אז די וואך איז געשען א שרעקליכע שריפה וואס האט פארניכטעט זיין קרעטשע און זיין הויז און ר' חיים איז געבליבן אן א פרנסה און אן א דאך אויפן קאפ פאר די משפחה רח"ל. ר' נח איז געווען א גוט הארציגער און נישט געווארט נאר תיכף געגאנגען אין דער ריכטונג פון הויז פון ר' חיים און פון דערווייטענס האט ער נאך געשמעקט פון די פייער און ווען ר' נח גיט שלום עליכם פאר ר' חיים, זאגט אים ר' חיים "ברוך מתיר אסורים", און ר' חיים פרעגט ווי אזוי האט מען אים ארויסגעלאזט פון תפיסה? האט ער אים אלעם דערציילט, און ר' נח זעהט די צובראכענקייט פון ר' חיים און פרעגט אים וויפיל געלט וואלט אים געקאסט צו אלעם איבערבויען? ר' חיים מאכט א חשבון און ר' נח זאגט איך וויל דיר העלפן. אבער ר' חיים זאגט דו שטייסט פאר א משפט און עס וועט דיר קאסטן אסאך געלט פאר אדוואקאטן און איך קען ביי דיר נישט נעמען די געלט, זאגט אים ר' נח אויב אזוי וועל איך דיר דאס דערווייל בארגן און ווען דו וועסט קענען זאלסטו מיר באצאלן, אבער ר' חיים רופט זיך אן אז מען זאגט אין תהלים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי, פון וואו קומט מיין הילף? עֶזְרִי מֵעִם ה' עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ. דער אויבערשטער וועט געבן! ר' נח האט געגעבן א שפרונג ווען ער האט געהערט די ווערטער "מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי" וואס דער רבי האט אים אנגעהאנגען זיין ישועה אין דערפילן יענעמס "אַיִן" וועט דער אויבערשטער דערפילן זיין "אַיִן", און ר' נח בעט זיך ביי ר' חיים אז ער זאל נעמען ביי אים די הלואה ווייל טאקע אין דעם זכות וועט ער ארויסגיין זכאי פון משפט! ר' חיים הערט אזעלכע ווערטער און האט מסכים געווען צו נעמען די געלט און געגעבן פאר ר' נח ברכות פון טיפענישט פון הארץ צו ארויסגיין זכאי.

דער טאג פון משפט איז אנגעקומען און ר' נח האט געהאט אמונה אין רבין און נישט גענומען קיין אדוואקאט, און דער קטיגור רופט אויף דעם גוי וואס דערציילט פארן שופט ווי ר' נח האט אים געהייסן מאכן א לאך אין די פעסער און קענען גנבנען פון די רעגירונג, און די קטיגור האט געזאגט פארן שופט א מען דארף באשולדיגן ר' נח, האט דער שופט געזאגט פאר ר' נח אז ער זאל זיך פאטיידיגן, ר' נח שטעלט זיך אויף מיט א רוהיגקייט און קוקט אן דער שופט און זאגט "עס איז א פאלשע בילבול, איך האב קיינמאל נישט באגנבעט א מענטש און אוודאי נישט אונזער טייערע רעגירונג! מער האב איך נישט וואס צו זאגן! און זעצט זיך אוועק.

דער הויפט שופט רופט זיך אן אז ער הערט ביידע צדדים און ער דארף אריין טראכטן וואס צו פסקנען און אויך נעמען די הסכמה פון די אנדערע שופטים! אבער פאר איך גיב א פסק וויל איך דערציילן פארן גאנצע קהל א מעשה: יארן צוריק איז געווען א בחור פון א נאבעלע משפחה וואס איז געפארן אהיים מיטן באן, אינמיטן וועג האט ער געדארפט טוישן א באן וואס איז געווען זייער געפאקט מיט מענטשן און בטעות איז ער ארויסגעגאנגען פון באן און איבערגעלאזט זיין טאש אין באן און ביז ער האט זיך דערמאנט איז די באן אוועקגעפארן און אין דעם טאש איז געווען זיין בילעט און געלט, און יעצט איז ער אין דער פרעמד און ער בעט ביי מענטשן מען זאל אים העלפן און קיינער מאכט זיך נישט וויסנדיג, דער בחור זעצט זיך אוועק אויף א באנק און נעמט זיך שטארק וויינען, קומט צו אים א מענטש און פרעגט פארוואס ער וויינט און ער דערציילט אים וואס איז געשען און ער נעמט ארויס געלט און הייסט אים גיין קויפן עסן און נאכדעם קויפן א בילעט, ער האט אים נישט געוואלט זאגן ווי ער הייסט! זאגט דער שופט: דער בחור בין איך געווען און דער מענטש איז דער ר' נח וואס שטייט פאר אונז! איך בין אהיים געפארן און אלע יארן וויל איך אפצאלן יענער גוט הארציגע מענטש, איך האב אים יעצט דערקענט און ווען ער האט גערעדט בין איך געווען זיכער עס איז אים! א מענטש וואס האט רחמנות געהאט אויף א פרעמדע בחור מיט אזא ברייטקייט, איז נישט קיין פארברעכער, איך בין זיכער אז עס איז א בילבול! די אנדערע שופטים האבן מסכים געווען און געפסקענט אז ר' נח איז פריי פון די אלע קלאגעס!

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה* א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא

סידור ישועות ישראל וואס ר' יענקעלע האט געדאווענט אין דעם און גוט אויסענוצט $5000 ספר רחמי האב שלמד בו הרה"צ ר' יואל זוסמאן מערץ זצוק"ל עם חתימתו $2000 נ"ך ג' חלקים הראשונים דפוס סלאוויטא ר' שמואל אבא $1000, ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן $2000 ספר ספיח קציר בארדיטשוב תרס"ב עם הסכמת השטעפענישט הרה"ק ר' אברהם מתתיהו בהרה"ק ר' מרדכי שרגא, ברענגט חסידישע תורות פון צדיקים זייער נדיר $700, גמרות דפוס סלאוויטא ביצה, סוכה זבחים מנחות בכורות וכו, ספר אמרי אלימלך עם הסכמת הסאדיגורא והמגיד מטריסק מצב מפואר $800 זיטאמיר ש"ס $6000, סעט חומשים עם אור החיים זיטאמיר, $7500 סידור אור לישרים זיטאמיר $18000, 2 בריוו פון אמרי חיים וויזניץ צו ראטעווען אידן פון רומעניא, כתב יד פון הרה"ק ר' גרשון מקיטוב שוואגער פון הייליגן בעש"ט $25000, 2 פסקים כת"י און חתימות פון הגאון ר' עקיבא איגר, $50000, תהלים בן ביתי דפוס ראשון שייך להרה"צ ר' יהודה צבי אייכנשטיין נכד הרה"ק ר' אשר ישעי' וחתן הרה"ק ר' ישראל צבי מקאסאן הי"ד $2500, ספר חסידים באזיל שמ"א $2000, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, אסאך ספרים פון דער משפחה ביי אונז, סעט עצי חיים מצב מפואר $800 אוהב ישראל אפטא דפו"ר $2800 שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב.. בריוו פון מרחשת, דברי מלכיאל הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, ר' ברוך בער, מהגאון ר' שך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

*מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש אויך ספרים און אויך אלטע געלט*